בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

**פרשת וארא**

**יו"ל על ידי**

## תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## כיתה ח׳

הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו

בס"ד

# פרשת וארא

**ויאמר אליו אני ה'.**

ופי' רש"י ז"ל נאמן אני לשלם שכר למהלכים לפני, ובדרך אפשר נראה לי לומר כוונת רש"י ז"ל בזה עפ"י מה דאיתא במסכת אבות הולך ואינו עושה שכר הליכה בידו. ולכאורה אם לא עשה כלום למה מגיע לו שכר בשביל ההליכה אע"כ רצה לומר בזה אם האדם הולך וכוונתו רצוי' באמת ובלב שלם לקיים המצוה כתיקונה רק נאנס ולא עשאה אז נחשב לו כאלו קיים את המצוה ומגיע לו שכר על ההליכה שמחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה. והנה משה רע"ה כשראה שכל הליכתו לפרעה הי' ללא הועיל חשב בדעתו כי הם לריק כוחו, הלך ואמר לו הקב"ה "אני ה'" נאמן אני לשלם שכר להמהלכים "לפני" ותיבת "לפני" מורה על המחשבה כידוע שמחשבות אינו גלוי רק להקב"ה בעצמו שאני משלם שכר אף להמהלכים "לפני" שהולכים במחשבה שלימה לקיים המצוה ולא עלתה בידם בשביל איזה סיבת מניעה על כל זה בדין הוא שיטלו שכרם. ודו"ק כי נכון הוא.

**(באר מנחם)**

**והייתי לכם לאלהים וידעתם כי אני ה' אלהיכם המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים.**

דהנה ידוע שבאמת נגזר על עם בית ישראל ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה ולא הי' אלא "רדו" שנים, בשביל שקושי השיעבוד השלים לארבע מאות שנה ודורשי רשימות אמרו שעל וימררו את חייהם הטעמים הם קדמא ואזלא בשביל שעבדו את בני ישראל בפרך, עי"כ קדמו ואזלו קודם הזמן עד שלא נשלמו הארבע מאות שנים נמצא שגם העבודה הקשה הי' לטובה שבשביל זה נגאלו קודם הזמן. וזהו שאמר הכתוב והייתי לכם "לאלהים" אף שבעיניכם יהי' נראין הדברים לדינים רח"ל בבוא יסורים עליכם, עכ"ז וידעתם כי אני "ה'" אלהיכם גם בזאת תדעון ותאמינו שהם חסדים ולטובה הוא, והא ראי' "המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים" והי' שם העבודה הקשה ג"כ לטובה כי בשביל זה יצאתם קודם הזמן. ודו"ק.

**(באר מנחם)**

בס"ד

**ומלאו בתי מצרים את הערוב וגם האדמה אשר הם עליה.**

קשה להבין הכוונה בהמלות וגם האדמה אשר הם עליה. ונראה דהנה איתא בכלאים שיש חיה אחת ידעוני אשר חבל גדול יוצאת מטיבורה והיא דבוק בו להארץ ומושכת חיותה מן האדמה כמו הצומח, ואם מפסיקין את החבל מיד היא מתה. ולפי זה כיון שהערוב היה תערובות של כל מיני חיות, לכן באה גם הידעוני לשם, אך הלא אם היא נפרדת מן האדמה שהיא עליה אז היא מתה מיד, וכיצד באת למצרים. לזה אמר הכתוב "וגם האדמה אשר הם עליה", שהקב"ה הביא עם חיות הידעוני גם גוש האדמה אשר הם מחוברים עליה, וממילא לא מתו.

**(הגר"א מווילנא זצ"ל)**

*

**או י"ל**, דהנה איתא בסוטה שבימי אלישע נעשה נס שבאו דובים מן יער והרגו את הנערים הרעים, ובאמת לא היו לא דובים ולא יער, אלא שהיו ע"י נס, ופריך בגמרא למה הוצרך ליער, הא די בדובים לחוד, ומשני שהחיה מתפחדת ומתייראת להרוג בני אדם זולת כשיש שם יער ויכולה לברוח ולהטמן שם, ולכן הכא כדי שלא יאמר פרעה מה לי להתיירא מן הערוב, והלא החיות כשיבאו לכאן ולא יראו יער יפחדו להזיק את בני האדם, לזה אמר הקב"ה שיביא גם האדמה אשר הם עליה, היינו היערות, וממילא לא יהיה להם בעיתותא.

**(שארית יעקב)**

*

**אי נמי י"ל**, דהנה מבואר בפסחים דאין חיה שביהודה גדילה על פירות שבגליל, וכן איתא בירושלמי שביעית דאין חיה שבהר גדילה בעמק ולא חיה שבעמק גדילה בהר. ולכן היות ובמכת ערוב נאספו ובאו חיות מכל המקומות והארצות אשר אין טבעם סובל האדמה והתבואות שבמצרים, לזה הביא הקב"ה עם כל חיה גם האדמה אשר הם עליה, למען יחיו ולא ימותו כאן.

**(דברי אברהם)**

בס"ד

## ב' שבט

יומא דהילולא קדישא פון:

# הרה"ק הרבי ר' זושא מהאניפאלי זי"ע

כ"ק מרן רבינו שליט"א האט פארציילט, דער רבי ר' זושא זי"ע איז געווען א גרויסער ארעמאן, ער האט אמאל געדארפט געלט האט ער געדארפט ארומפארן, האט רבי פינחס'ל קאריצער געהערט דערפון, האט ער געזאגט אז ער זאל קומען צו איהם און ער וועט אים זעהן צוזאמענשטעלן וואס ער דארף, איז ער געפארן צו רבי פינחס'ל אויף שבת, רבי פינחס'ל האט געהייסן אז מ'זאל צוזאמען שטעלן געלט פאר אים, ער האט אים געגעבן גרויס כבוד, ער האט ממש איבערגעדרייט די שטאט לכבודו, ער האט זיך אליין געפארעט און ער האט צוזאמען געשטעלט 400 רובל, א גרויסע סומע געלט, און ער האט דאס געגעבן פארן רבי'ן ר' זושא. און דער רבי ר' זושא איז אהיימגעפארן.

אויפן וועג אהיים הערט דער רבי ר' זושא אז עס טוט זיך א טומל, עס איז געקומען אן אלמנה אויפן מארק, זי האט געהאט מיט זיך געלט, געלט וואס זי האט געהאט געבארגט, און מ'האט איר בא'גנב'עט, זי האט געהאט אין פלאן איינצוקויפן אהיימטראגן און פארדינען, און דא האט מען איר בא'גנב'עט און זי קען אזוי נישט אהיימפארן, ס'איז געווען א גאנצע מהפיכה, ווען דער רבי ר' זושא הערט די מעשה גייט ער צו און זאגט "איך וויל מודה זיין אויף די מעשה הגניבה, כ'האב נישט געכאפט אז די צרה איז אזוי גרויס, עד היכן הדברים מגיעים, אז מ'רעדט פון א אלמנה, ער זעהט אז ס'האלט ביי פיקוח נפש, ער וויל מקיים זיין והשיב את הגזילה".

קיינער האט איהם נישט געקענט, מ'האט נישט געוואוסט ווער ער איז, מילא האט מען אים געגלייבט.

פארשטייט זיך אז מ'האט זיך געפריידט אז מ'האט געכאפט דעם גנב, האט מען אפיר גענומען דעם רבי'ן ר' זושא און געהייסן אפגעבן די גניבה, זאגט ער אז ער איז גרייט אפצוגעבן די גניבה, אבער נישט די גאנצע נאר 350 רובל גיט ער צוריק, די איבריגע האט ער גענומען פאר זיך.

מ'האט אנגעהויבן צו שרייען אויף אים ער זאל אפגעבן די גאנצע סומע, אבער ער עקשנ'ט זיך אז ער גיט נישט, מ'האט זיך גענומען שרייען אויף אים אז ער איז א גנב ער האט בא'גנב'עט אן אלמנה, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז ער גיט נישט, עס איז געווארן א מהומה ביז מ'האט אים באזידלט, מ'האט אים אנגעהויבן צו קלאפן און צו שלאגן, אבער ער האלט זיך ביי זיינס. אלעס וואס מ'האט אים נאר געטון איז ער געבליבן פאר'עקשנ'ט אז ער גיט נאר 350 רובל.

ביז עמיצער האט זיך דארט אנגערופן אז מ'זאל אריבערטראגן דעם גנב צו רבי פינחס'ל קאריצער, ער וועט זיכער קענען ערלעדיגן אז ער זאל אפגעבן די גניבה. מ'האט אים גענומען און אריבערגעשלעפט קיין קאריץ, ר' פינחס'ל איז געווען מצודתו פרוסה ער האט געהאט א שטארקן איינפלוס אויף די געגענט, אזוי האט מען אים געטראגן קיין קאריץ, און מ'האט דערציילט די מעשה פאר רבי פינחס'ל.

ווען מ'האט אריינגעברענגט דעם 'גנב', זעהט רבי פינחס'ל אז דאס איז גאר דער רבי ר' זושא, ער קען נישט פארשטיין 'וואס איז דאס?'.

זאגט דער רבי ר' זושא "כ'וועל זאגן דעם אמת, איך בין געווען דא שבת, און מ'האט מיר געגעבן זייער גרויס כבוד, כ'בין אהיימגעפארן מיט גרויס כבוד, האב איך אנגעהויבן צו טראכטן אפשר האט מען מיר אריינגעגעבן אביסל יוהרא אין הארץ, האב איך געמוזט זעהן צו האבן אזויפיל בזיונות קעגן דעם כבוד וואס איך דא געהאט. און אלס רחמנות אויף די צובראכענע אלמנה האט ער איבערגעגעבן די נדבה אויף אזא אופן, אז עס זאל אים אויסקומען גרויסע בזיונות.